# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................5:30
מוצאי שב"ק.....................7:00

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.................ישעיה ל'-ל"א
בבלי.........................נדרים י"א
ירושלמי.....................נדה ה'
תוספתא...................שקלים א'
רמב"ם.........שלוחין ושותפין ז'


פרשת לך, י"א חשון, שנת תשפ"ג לפ"ק
שנה 12, גליון 6 (576)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

עָשׂוּ מִלְחָמָה אֶת בֶּרַע מֶלֶךְ סְדֹם וְאֶת בִּרְשַׁע מֶלֶךְ עֲמֹרָה שִׁנְאָב מֶלֶךְ אַדְמָה וְשֶׁמְאֵבֶר מֶלֶךְ צְבֹיִּים וּמֶלֶךְ בֶּלַע הִיא צֹעַר. אִין דִי וָואכְנְדִיגֶע פַּרְשָׁה גֶעפִינֶען מִיר דִי עֶרְשְׁטֶע מִלְחָמָה אִין דִי תּוֹרָה, וֶוען דִי פִינְף קֶענִיגְן הָאבְּן גֶעפִירְט אַ מִלְחָמָה מִיט דִי פִיר קֶענִיגְן.

רַשִׁ"י טַייטְשְׁט אוֹיס דִי אַלֶע נֶעמֶען פוּן דִי קֶענִיגְן ווִי שְׁלֶעכְט זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען, "בֶּרַע" אִיז גֶעוֶוען "רַע לַשָּׁמַיִם וְרַע לַבְּרִיּוֹת", שְׁלֶעכְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ מֶענְטְשְׁן, "בִּרְשַׁע" אִיז גֶעוֶוען "נִתְעַלָּה בִּרְשָׁעוּת", עֶר הָאט גֶעהַאט אַ הוֹיכֶע מָאס רִשְׁעוּת, "שִׁנְאָב" הָאט פַּיינְט גֶעהַאט דֶעם טַאטְן אִין הִימְל, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער דִי אִיבְּרִיגֶע שְׁלֶעכְטֶע קֶענִיגְן ווִי אַזוֹי זֵיי הָאבְּן ווִידֶערְגֶעשְׁפֶּענִיגְט קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי צְוֵויי זַאכְן זֶענֶען גֶעוָואנְדְן אֵיינְס אִינֶעם צְוֵוייטְן, לוֹיט ווִיפִיל אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה, עֶר לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלְץ מֶער לֶעבְּט עֶר בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם. טַאקֶע דֶערְפַאר וָואס דִי שְׁלֶעכְטֶע קֶענִיגְן זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁטַארְק קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערִיבֶּער הָאבְּן זֵיי גֶעפִירְט מִלְחָמוֹת אוֹיךְ מִיט מֶענְטְשְׁן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ל"ג) אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַלְץ זוּכְן נָאר שָׁלוֹם, סֵיי אַז סְ'זָאל זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן אִידְן, אוּן סֵיי אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן שָׁלוֹם מִיט זִיךְ אַלֵיין, עֶר זָאל אַלְץ טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זַיין לֶעבְּן, סֵיי וֶוען סְ'גֵייט אִים גוּט אוּן סֵיי וֶוען נִישְׁט.

דָאס גֵייט צוּזַאמֶען, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט עֲבֵירוֹת, שְׁוַואכְט דָאס אָפּ זַיין אֱמוּנָה, עֶר הוֹיבְּט אָן הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְוָואס זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי ווִי עֶר ווִיל, עֶר וֶוערְט בְּרוֹגֶז אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר וֶוערְט בְּרוֹגֶז אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, עֶר אִיז נִישְׁט קַיין צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ, עֶר לֶעבְּט נִישְׁט בְּשָׁלוֹם מִיט זִיךְ אַלֵיין, אוּן דַאן הוֹיבְּט עֶר זִיךְ אָן קְרִיגְן מִיט אַלֶע אַרוּמִיגֶע, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט נִישְׁט בְּשָׁלוֹם מִיט זִיךְ, קֶען זִיכֶער נִישְׁט לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט אַנְדֶערֶע.

שָׁלוֹם אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס קֶען נָאר זַיין, חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹף עוּקְצִין) "לֹא מָצָא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כְּלִי מַחֲזִיק בְּרָכָה לְיִשְׂרָאֵל אֶלָּא הַשָּׁלוֹם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט גֶעטְרָאפְן אַ כֵּלִי וָואס זָאל הַאלְטְן אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת פַאר אִידְן, נָאר שָׁלוֹם. אוּן וַוייל שָׁלוֹם אִיז אַזַא גְרוֹיסֶע זַאךְ אוּן אַזַא ווִיכְטִיגֶע זַאךְ, פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרַע אַזוֹי שְׁטַארְק אַז מְ'זָאל זִיךְ יָא קְרִיגְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן, כָאטְשׁ וָואס דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט נִישְׁט אַז סְ'וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען קַיין שׁוּם גוּטְס פוּן דִי מַחְלוֹקֶת, סְ'וֶועט נָאר בְּרֶענְגֶען צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים מִיט עַגְמַת נֶפֶשׁ, פוּן דֶעסְט וֶועגְן זֶעט מֶען לֵיידֶער אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן וָואס קְרִיגְן זִיךְ, אוּן מִיט דֶעם שְׁטֶערְן זֵיי אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת פוּן צוּ קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּ זֵיי.

דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז מְ'מוּז אַלְץ הַאלְטְן אַזוֹי ווִי יֶענֶעם, יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז בַּארֶעכְטִיגְט צוּ הָאבְּן זַיין אֵייגֶענֶעם מֵיינוּנְג, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען נִישְׁט פַּיינְט הָאבְּן דֶעם צְוֵוייטְן וַוייל יֶענֶער הַאלְט אַנְדֶערְשׁ. יֶעדֶע רֶגַע וָואס מְ'הָאט פַּיינְט אַ צְוֵוייטְן אִיד אִיז מֶען עוֹבֵר אוֹיף אַ לַאו פוּן "לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ בִּלְבָבֶךָ" (וַיִּקְרָא י"ט, י"ז), אוּן מִיט דֶעם אִיז דִי לַאו פִיל עֶרְגֶער פוּן אַנְדֶערֶע לַאוִין, וַוייל אַ גֶעוֶוענְלִיכֶע לַאו אִיז מֶען נָאר עוֹבֵר בִּשְׁעַת מְ'טוּט עֶס, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּ פַּיינְט הָאבְּן אַ אִיד, הָאט מֶען אַן עֲבֵירָה יֶעדֶע רֶגַע וָואס מְ'הָאט יֶענֶעם פַּיינְט.

דֶערְפַאר דַארְף אַ אִיד טְרֶעפְן אַ צַדִּיק וָואס קֶען קוֹדֶם מַאכְן שָׁלוֹם בַּיים מֶענְטְשׁ אַלֵיין, אַ צַדִּיק וָואס קֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז אַלֶעס פִירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּם גוּטְן, נִישְׁט קַיין חִילּוּק וָואסֶערֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן עֶר גֵייט דוּרְךְ זָאל זַיין הַארְץ שְׁטֶענְדִיג בְּלַייבְּן גַאנְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן אִיז דֶער מֶענְטְשׁ אַלֶעמָאל פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, עֶר וֶועט זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם, אוּן נִישְׁט פַּיינְט הָאבְּן קֵיינֶעם.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּשָׁלוֹם מִיט זִיךְ אַלֵיין, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן לֶעבְּט עֶר בְּשָׁלוֹם אוֹיךְ מִיט אַלֶע זַיינֶע אַרוּמִיגֶע, אוּן עֶר שְׁפִּירְט אַ טַעַם גַן עֵדֶן נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶר הָאט זִיס אוּן גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֶךְ תשס"ה)

## מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### וָואס בַּאגְלֵייט דֶעם מֶענְטְשׁ?

חֲזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ו'): "אֵין מְלַוִּין לוֹ לְאָדָם לֹא כֶּסֶף וְזָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבִים וּמַרְגָּלִיּוֹת אֶלָּא תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים בִּלְבָד" - דִי גָאלְד אוּן זִילְבֶּער, דִי גֶעלְט וָואס אַ מֶענְטְשׁ זַאמְלְט זִיךְ אַיין אוֹיף דִי וֶועלְט, דָאס בַּאגְלֵייט אִים נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, נָאר דִי תּוֹרָה אוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס עֶר הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט אוֹיף דִי וֶועלְט.

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַמָאל אַ אִיד צוּ מוֹהֲרָא"ש אִין יְשִׁיבָה אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן מוֹהֲרָא"ש אַז דִי בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה זָאלְן קוּמֶען צוּ אַ לְוָיָ' צוּ בַּאגְלֵייטְן אַ נִפְטָר. מוֹהֲרָא"ש הָאט יֶענֶעם גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶס הַאנְדְלְט זִיךְ פוּן אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע לְוָיָ' פוּן אַ מֵת מִצְוָה אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא וֶוער עֶס זָאל בַּאגְלֵייטְן, אָדֶער עֶר ווִיל פָּשׁוּט אַז עֶס זָאל זַיין מֶער מֶענְטְשְׁן בַּיי דִי לְוָיָ'. יֶענֶער הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶס אִיז יָא דָא גֶענוּג מֶענְטְשְׁן, נָאר עֶר קֶען בַּאשְׁטֵיין אַז דִי בָּחוּרִים זָאלְן אוֹיךְ אַהִינְקוּמֶען. מוֹהֲרָא"ש הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ אַזוֹי זָאל עֶר נִישְׁט מְבַטֵּל תּוֹרָה זַיין פוּן דִי בָּחוּרִים. חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קי"ט:) אַז מֶען שְׁטֶערְט נִישְׁט דִי תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן פוּן לֶערְנֶען, אֲפִילוּ וֶוען עֶס הַאנְדְלְט זִיךְ פוּן בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית

<<<<<<

## א גוט ווארט

אַ קְלֵיינֶע שֵׁיינֶע זַאךְ וָואס מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן. אֵיינֶער הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר אַ צְוֵוייטְן, דִי יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוֵויינְט בַּיי דִי וֶוערְטֶער: "אָדָם יְסוֹדוֹ מֵעָפָר" אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט פוּן עֶרְד, "וְסוֹפוֹ לֶעָפָר" אוּן עֶר גֵייט צוּרִיק צוּ עֶרְד; פְרֶעגְט אִים זַיין חַבֶר: "וָואס אִיז דָא צוּ וֵויינֶען בַּיי דִי וֶוערְטֶער? מֵילָא וֶוען דוּ וָואלְסְט בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פוּן גָאלְד אוּן בַּיים סוֹף גֵייט מֶען דִיר לֵייגְן אִין עֶרְד - אִיז דָא וָואס צוּ וֵויינֶען, אָבֶּער אַ זַאךְ וָואס קוּמְט פוּן עֶרְד אוּן עֶס גֵייט צוּרִיק צוּ עֶרְד אוּן דוּ הָאסְט נָאךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִינְדֶערְמִיט בְּלֶעטֶער גְמָרָא, אָנְגֶעטוּן טַלִית אוּן תְּפִילִין אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער - וָואס אִיז דָא צוּ וֵויינֶען...?"

דָאס אִיז מַמָשׁ אִין קוּרְצְן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַלֶע יָארְן אוּנְז גֶעלֶערְנְט, מִיר קוּמֶען פוּן עֶרְד אוּן מִיר גֵייעֶן בַּאלְד צוּרִיק צוּ דִי עֶרְד; אוּן וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס כַאפְּט אַרַיין, נִישְׁט אַ גְלֶעזְל וָואדְקֶע, נָאר אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת אוּן אַ בְּלַאט גְמָרָא אוּן הֲפָצָה - אַשְׁרֵי לוֹ!

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה לֵךְ תשפ"ג)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אָפְּגֶעשְׁוַואכְט פוּן פְּחָדִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-א, י"ב נִיסָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו. אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ הֶערְן אַז אִיר שְׁפִּירְט זִיךְ שׁוֹין אַסַאךְ בֶּעסֶער; אִיךְ בֶּעט אַסַאךְ פַאר אַייךְ אִיר זָאלְט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק. זֶעט אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיף זִיךְ צוּ עֶסְן גוּט אוּן שְׁלָאפְן גֶענוּג שָׁעָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קי): "יֵשׁ כַּמָּה שְׁטוּתִים וּבִלְבּוּלִים הַמִּתְדַּבְּקִים וּמִתְחַבְּרִים בְּהַמֹּחַ, וּבִפְרָט בִּלְבּוּלֵי הָאֱמוּנָה, וְעַל־יְדֵי הַשֵּׁנָה נִפְרָדִים מֵהַמֹּחַ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁלָאפְט דֶעמָאלְט וֶוערְט גֶעשְׁטַארְקְט זַיין אֱמוּנָה. וַוייל בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג זַאמְלֶען זִיךְ אָן אִין קָאפּ אַסַאךְ שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, פְּחָדִים אוּן דִמְיוֹנוֹת, וְכוּ', אוּן שְׁלָאפְן נֶעמְט דָאס אַוֶועק; אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט וֶוען עֶס וֶוערְט בַּיינַאכְט אִיז מֶען פַאר'דַאֲגָה'ט - יֶעדֶער מִיט זַיינֶע דַאֲגוֹת, נָאכְדֶעם לֵייגְט מֶען זִיךְ שְׁלָאפְן, אוּן אִינְדֶערְפְרִי וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף זֶענֶען אַלֶע דַאֲגוֹת אַרָאפּ פוּנֶעם קָאפּ, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (אֵיכָה ג, כג): "חֲדָשִׁים לַבְּקָרִים רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ".

אִיר שְׁרַייבְּט אַז אֵייעֶר גוּף וֶוערְט מַמָּשׁ אָפְּגֶעשְׁוַואכְט פוּן פְּחָדִים, אִיר שְׁפִּירְט ווִי אֵייעֶר קֶערְפֶּער וֶוערְט צוּזַאמְגֶעצוֹיגְן וְכוּ'; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת פַּחַד, סִימָן ח): "פַּחַד מַכְחִישׁ כֹּחוֹ שֶׁל אָדָם", פְּחָדִים שְׁוַואכְט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא י.): "גּוּף קָשֶׁה, פַּחַד שׁוֹבְרוֹ", פְּחָדִים צֶעבְּרֶעכְט דֶעם מֶענְטְשׁ; מֶען שְׁפִּירְט ווִי מֶען וֶוערְט אוֹיס מֶענְטְשׁ. מִיר הָאבְּן אָבֶּער אַ גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער; דֶער רֶבִּי אִיז אוּנְזֶער דָאקְטֶער. אַ צַדִּיק וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'דָאקְטֶער' (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ל) וַוייל עֶר הֵיילְט אוּנְז אוֹיס בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחְנִיּוּת; דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גוּטֶע עֵצוֹת אוּן סְגוּלוֹת פַאר אֵיינֶעם וָואס לַיידְט אוֹיף פְּחָדִים. נֶעמְט דֶעם "סֵפֶר הַמִּדּוֹת", וֶועט אִיר זֶען דָארְט זֵייעֶר שֵׁיינֶע עֵצוֹת אוֹיף אַייעֶרֶע פְּחָדִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, ג): "עַל־יְדֵי בִּטָּחוֹן תִּנָּצֵל מִפַּחַד", אַז מֶען גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֵייעֶן אַוֶועק דִי פְּחָדִים; מֶען גְלֵייבְּט אַז קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן אוּן עֶס קֶען גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן נָאר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל. מֶען חַזֶר'ט זִיךְ אַיין דִי אֱמוּנָה אַז וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט. נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם, ד): "סְגֻלָּה לְבַטֵּל אֶת הַפַּחַד, לִזְכֹּר אַבְרָהָם אָבִינוּ", אַ סְגוּלָה אַוֶועק צוּ נֶעמֶען פְּחָדִים מֶען זָאל טְרַאכְטְן פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם, ה): "בִּצְדָקָה תְּבַטֵּל אֶת הַפַּחַד", צְדָקָה נֶעמְט אַוֶועק פְּחָדִים; דֶערְפַאר, יֶעדֶעס מָאל אִיר שְׁפִּירְט ווִי עֶס זֶענֶען זִיךְ מִתְגַּבֵּר אוֹיף אַייךְ דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, זֵיי דֶערְשְׁרֶעקְן אַייךְ מִיט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע נַארִישֶׁע מַחְשָׁבוֹת, זָאלְט אִיר אַרַיין לֵייגְן אַ פֶּענִי אִין צְדָקָה פּוּשְׁקֶע אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַז מַיינֶע מַחְשָׁבוֹת זָאלְן מִיר נִישְׁט פַּיינִיגְן".

אֵיינֶע פוּן דִי עֵצוֹת וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אִיז (שָׁם, יא): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ פְּחָדִים, יְזַמֵּר זֶמֶר שֶׁל שִׂמְחָה", וֶוער עֶס הָאט פְּחָדִים זָאל זִינְגֶען לֶעבֶּעדִיגֶע נִיגוּנִים; מִיר הָאבְּן אַרוֹיס גֶעגֶעבְּן זֵייעֶר שֵׁיינֶע סִידִיס וָואס עֶנְטְהַאלְטְן לֶעבֶּעדִיגֶע נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה, עֶס אִיז שׁוֹין דָא צְוֵויי חֲלָקִים, ווִי מִיר זִינְגֶען מִיט דִי תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה, דָאס זָאל אַרְבֶּעטְן בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ אוּן דָאס וֶועט אַייךְ בְּרֶענְגֶען אַ רוּאִיגְקֵייט. דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דוּרְךְ נִיגוּנִים וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה, וַוייל ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ טַאנְצְט מִיט נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה, עֶר זִינְגְט צוּ זִיךְ: "קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן", "אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט", "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָארְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִינְט זִיךְ אוֹיף יֶעדֶע אָרְט", וֶוערְט עֶר אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט אַ רוּאִיגְקֵייט אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת גֵייעֶן פוּן אִים אַוֶועק.

בְּנוֹגֵעַ וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַז יֶעדֶעס מָאל אִיר לֵיינְט אַ צֵייטוּנְג גֵייט אַרַיין אִין אַייךְ שְׁרֶעק אוּן פְּחָדִים וְכוּ'; דָאס אִיז נִישְׁט נָאר בַּיי אַייךְ, דָאס אִיז בַּיי אַלֶעמֶען אַזוֹי. דֶער הֵיילִיגֶער מִנְחַת אֶלְעָזָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דֶער מוּנְקַאטְשֶׁער רַב זָאגְט: "דָאס וָואס מִיר הָאבְּן אִין דִי תּוֹכֵחָה (וַיִּקְרָא כו, לו): "וְרָדַף אֹתָם קוֹל עָלֶה נִדָּף", דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְן צֵייטוּנְג. וֶוער עֶס לֵיינְט צֵייטוּנְגֶען וֶוערְט גֶערוֹדְפְ'ט פוּן דֶעם, זֵיי דֶערְשְׁרֶעקְן יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט זֵייעֶר נַייעֶס, דֶער צֵייטוּנְג אִיז דֶער "עָלֶה נִדָּף" - אַ פַארְשְׁטִינְקֶענֶעם בְּלֶעטְל"; דֶערִיבֶּער וָואס פֶּעלְט אַייךְ אוֹיס אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ צֵייטוּנְגֶען, בֶּעסֶער נֶעמְט מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ פוּן צַדִּיקִים, לֵיינְט דָאס פַאר אֵייעֶר קִינְדֶער, עֶנְדֶערְשׁ ווִי אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען צֵייטוּנְגֶען אִין שְׁטוּבּ.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: "כָּל זְמַן אִינֶעם קֶעפְּל פוּנֶעם צֵייטוּנְג שְׁטֵייט נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דֶער וֶועלְט, אוּן אַלֶעס פִירְט זִיךְ מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן", אִיז דֶער גַאנְצֶע צֵייטוּנְג אֵיין שְׁטִיק שֶׁקֶר אוּן אֵיין שְׁטִיק לֵיצָנוּת; אַלֶע פוּן זֵיי ווִילְן וַוייזְן אַז זַיין מַנְהִיג אִיז גְרֶעסֶער וְכוּ'".

אִיר הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל אַייךְ שְׁרַייבְּן אַ תְּפִלָּה וָואס אִיר זָאלְט זָאגְן. אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ דָא אַ תְּפִלָּה, אָבֶּער דֶער עִיקָּר זָאלְט אִיר אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אֵייעֶר צֶעבְּרָאכֶענֶעם הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; פַארְצֵיילְט אִים פּוּנְקְטְלִיךְ אַייעֶרֶע פְּחָדִים אוּן וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּ אִים, וֶועט אִיר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן אָן קַיין דָאקְטוֹרִים אוּן אָן קַיין מֶעדֶעצִינֶען.

דָא אִיז דֶער תְּפִלָּה: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם פְּחָדִים. אַסַאךְ מָאל כַאפְּט מִיר אָן אַ פְּלוּצִים'דִיגֶער שְׁרֶעק, אִיךְ וֶוער אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן אַז מַיין גַאנְצֶע קֶערְפֶּער הֵייבְּט אָן צִיטֶערְן אוּן אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ גֵיי אוֹיס. הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט. אִיךְ דַאנְק דִיר אַז פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶע אִיךְ אוֹיס ווִי אַ גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ, מֶען קֶען גָארְנִישְׁט אָנְזֶען אוֹיף מִיר, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוֹיךְ אִין מַיין מֹחַ.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִין דִיר, אִיךְ זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט. אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה אוּן אִיךְ זָאל אָטֶעמֶען אֱמוּנָה. וַוייל וֶוען אִיךְ טְרַאכְט פוּן דִיר וֶוערְט מִיר גוּט, וֶוען אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ אִין דִיר גֵייעֶן אַוֶועק מַיינֶע פְּחָדִים, אָבֶּער נָאכְדֶעם קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרָע, עֶר מַאכְט מִיר פַארְגֶעסְן פוּן דִיר אוּן אִיךְ פַאל צוּרִיק אַרַיין אִין מַיינֶע פְּחָדִים. דִי פְּחָדִים שְׁוַואכְן מִיר אָפּ, מַיין גַאנְצֶע קֶערְפֶּער וֶוערְט מִיר צוּזַאמְגֶעצוֹיגְן, דָאס מַאכְט מִיר אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אַז אִיךְ שְׁפִּיר אִיךְ קֶען עֶס מֶער נִישְׁט דוּרְךְ טְרָאגְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט צוּרִיק קוּמֶען צוּ אַייעֶרֶע כּוֹחוֹת; אִיר זָאלְט זַיין אַ גֶעזוּנְטֶע מַאמֶע אוּן אַלֶע אַייעֶרֶע שְׁרֶעק זָאלְן זִיךְ אָפְּטוּן פוּן אַייךְ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁמִינִי-א תשע"ח)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

הַמִּקְדָּשׁ, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז דָאךְ זִיכֶער אִין דֶעם פַאל אַז מֶען טָאר זֵיי נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן לֶערְנֶען אַז זֵיי זָאלְן גֵיין צוּ דִי לְוַיָּ'.

דַאן אִיז מוֹהֲרָא"שׁ אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן אַז דֶער עִיקָּר כָּבוֹד פוּן אַ נִפְטָר אִיז וֶוען עֶר הָאט דִי מַלְאָכִים וָואס בַּאגְלֵייטְן אִים. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעהַאט שֵׂכֶל אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעפוּלְט זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן מִיט גוּטֶע זַאכְן, עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט אַרַיינְצוּכַאפְּן ווִי מֶער תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, וָואס פוּן דֶעם וֶוערְן בַּאשַׁאפְן פִילֶע הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים. דַאן וֶועלְן דִי הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער מַלְאָכִים אִים בַּאגְלֵייטְן וֶוען עֶר קוּמְט אַרוֹיף אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען אַ אִיד הָאט זִיךְ צוּגֶעווָאוֹינְט צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זָאגְט דֶער תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ (פֶּרֶק י"ב) "לְפִי שֶׁכָּל הַמַּרְבֶּה שִׂיחוֹת וּתְפִלּוֹת, הֵם מְלַוִּין אוֹתוֹ עַד שָׁעָה שֶׁהוּא נִכְנָס לְבֵית עוֹלָמוֹ" - וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דָאס אִים בַּאגְלֵייטְן בִּיז עֶר וֶועט אָנְקוּמֶען אִין גַן עֵדֶן.

מִיר קֶענֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד וָואס רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט פוּן דֶעם בַּאשַׁאפְן אַ מַלְאָךְ וָואס וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אוּן עֶר וֶועט אִים אָפְּהִיטְן דִי גַאנְצֶע וֶועג אַז עֶס זָאל אִים נִישְׁט פַּאסִירְן קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטֶס.

דִי לְוַיָּ' פוּן מֶענְטְשְׁן דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז נִישְׁט אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט, נִישְׁט דָאס אִיז דֶער עִיקָּר. פַארְקֶערְט, דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אַז אֲפִילוּ אַ נִפְטָר הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס מִיט אַ גְרוֹיסֶע לְוַיָּ'. נִישְׁט פוּן דֶעם דַארְף מֶען מַאכְן אַן עֵסֶק. מֶען דַארְף נָאר זֶען זִיךְ גוּט אָנְצוּגְרֵייטְן דֶעם גַאנְצְן לֶעבְּן. מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס וֶועט אַמָאל קוּמֶען אַ טָאג וָואס מֶען וֶועט דַארְפְן פַארְלָאזְן דִי וֶועלְט, אוּן דַאן וֶועט נָאר זַיין חָשׁוּב דִי מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס מֶען הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט, אוּן נָאר זֵיי וֶועלְן אִים בַּאגְלֵייטְן אוּן הֶעלְפְן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועג.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אִין דִי שְׁטָאט טֶעפְּלִיק הָאט גֶעווָאוֹינְט אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר אִיד, מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן ר' הֶערְשְׁקָא, עֶר הָאט גֶעווָאוֹינְט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן אִין עֶפֶּעס אַ צוּבְּרָאכְן הַייזְקֶעלֶע, קֵיינֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט אוּמְגֶעקוּקְט אוֹיף אִים, אוּן מֶען הָאט אִים גֶעהַאלְטְן פַאר זֵייעֶר אַ פָּשׁוּט'עֶר מֶענְטְשׁ.

אֵיינְמָאל הָאט רֶבִּי אַהֲרֹן קִיבְּלִיטְשֶׁער זַ"ל גֶערוּפְן זַיין אֵיידֶעם רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק זַ"ל אִינְמִיטְן דִי נַאכְט בַּיי חֲצוֹת, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל גֵיין צוּם עֶק שְׁטָאט דָארְט ווִי רֶבִּי הֶערְשְׁקָא וואוֹינְט אוּן עֶר זָאל קוּקְן זַיין עֲבוֹדָה וָואס עֶר טוּט יֶעצְט בַּיי חֲצוֹת.

אָנְקוּמֶענְדִיג אַהִין הָאט רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק אַרַיינְגֶעקוּקְט אוּן גֶעזֶען ווִי רֶבִּי הֶערְשְׁקָא זִיצְט אִיבֶּערְגֶעבּוֹיגְן אוֹיף עֶפֶּעס אַ סֵפֶר אוּן עֶר לֶערְנְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע וַוארִימְקֵייט אוּן גֶעשְׁמַאק. רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער רוֹשֶׁם וָואס עֶר הָאט דֶעמָאלְט בַּאקוּמֶען אִיז גֶעבְּלִיבְּן בַּיי אִים זַיין גַאנְץ לֶעבְּן. עֶר הָאט גֶעזֶען אַ אִיד וָואס אִיז אַ פָּשׁוּט'עֶר מֶענְטְשׁ, עֶר וֶועט נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין כָּבוֹד פַאר זַיין לֶערְנֶען. עֶר זִיצְט אָבֶּער אוּן לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה מִיט אַזַא חֵשֶׁק אוּן גֶעשְׁמַאק.

וֶוען רֶבִּי הֶערְשְׁקָא אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אִיז קֵיינֶער נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ זַיין לְוַיָּ'. בַּיי דִי לְוַיָּ'

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

הָאבְּן זִיךְ בַּאטֵיילִיגְט נָאר דְרֵיי מֶענְטְשְׁן. רֶבִּי אַהֲרֹן קִיבְּלִיטְשֶׁער מִיט זַיין אֵיידֶעם רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק אוּן נָאךְ אַ אִיד.

רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק הָאט זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט פַּארְוָואס קֵיינֶער אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ דִי לְוָיָ', עֶר הָאט דָאךְ יָא גֶעוואוּסְט אַז דֶער אִיד אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא פָּשׁוּט'עֶר אִיד. הָאט אִים זַיין שְׁוֶוער בַּארוּאִיגְט אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶס מַאכְט נִישְׁט צוּפִיל אוֹיס וִויפִיל מֶענְטְשְׁן עֶס זֶענֶען דָא יֶעצְט אוּנְטֶן בַּיי דִי לְוָיָ'. וֶוען דֶער רֶבִּי הֶערְשְׁקָא קוּמְט אָבֶּער אַרוֹיף אוֹיבְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, וֶועט עֶר הָאבְּן גֶענוּג אוּן נָאךְ בַּאגְלֵייטֶערְס. דִי צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזֶנְטֶער מַלְאָכִים וֶועלְכֶע זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פוּן דִי פִּילֶע מִצְוֹת וָואס עֶר הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט, אוּן בְּעִיקָר פוּן דִי לִיכְטִיגֶע נֶעכְט וָואס עֶר אִיז גֶעזִיצְן אוּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי לְוַיָ' דָארְט אוֹיבְן, דָאס אִיז דֶער עִיקָר וָואס אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט.

וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיס פַּאר אַ מֶענְטְשׁ צוּ גֵיין צוּ אַ לְוַיָ', אִיז דַאן דִי צַייט וָואס עֶר דַארְף זִיךְ אִיבֶּערְקְלֶערְן אוּן גֶעדֶענְקֶען דֶעם פְּלַאץ וואוּ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּם סוֹף אָן. אוּן דָאס זָאל אִים שְׁטַארְקְן אָנְצוּפוּלְן זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן מִיט גוּטֶע זַאכְן, אַז עֶר זָאל הָאבְּן מִיט וָואס אַרוֹיפְצוּקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. וֶוען מֶען פִירְט אַן אָרוֹן פוּן אַ נִפְטָר וָואס הָאט אוֹיסְגֶענוּצְט דִי צַייט אִין זַיין לֶעבְּן, דַאן אִיז דָאס נִישְׁט אַ פָּשׁוּט'עֶר אָרוֹן, נָאר דָאס אִיז אַן אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, אַ הֵיילִיגֶער אָרוֹן וָואס אִיז אָנְגֶעפוּלְט מִיט פִּילֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

דֶער צַדִיק רֶבִּי צְבִי אֱלִימֶלֶךְ מִבְּלָאזְשׁוּב זי"ע, דֶער "צְבִי לַצַּדִיק", פְלֶעגְט אַסַאךְ זָאגְן מִשְׁנַיוֹת. אֵיינְמָאל אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ אִים אַן עֶלְטֶערֶער חָסִיד, יֶענֶער אִיז נָאךְ גֶעוֶוען בַּיי זַיין טַאטֶע'ן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דָוִד'ל דִינוֹב'עֶר זי"ע דֶער זוּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן "בְּנֵי יִשָּׂשכָר" זי"ע, אוּן דֶער חָסִיד הָאט גֶעזֶען וִוי דֶער צַדִיק זִיצְט אוּן זָאגְט מִשְׁנַיוֹת.

פַאר דֶעם חָסִיד אִיז דָאס נִישְׁט גֶעפָאלְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן מִיט אַ שְׁטִיקְל גְרִינְגְשֶׁעצוּנְג: "אִיר זֶענְט אוֹיךְ שְׁטֶענְדִיג פַארְנוּמֶען מִיט מִשְׁנַיוֹת?" וֶוען דֶער צַדִיק הָאט גֶעהֶערְט דִי וֶוערְטֶער הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן קְלַאפְּן מִיט דִי פִינְגֶער אוּן גֶעזָאגְט: "אוֹי אוֹי, בַּאלְד קוּמְט שׁוֹין דֶער מִיט דִי טוֹיזְנְט אוֹיגְן"...

דֶער חָסִיד הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר מֵיינְט צוּ זָאגְן, הָאט אִים דֶער צַדִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן מַסְבִּיר זַיין אוּן אַרָאפְּלֵייגְן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּחַד אוּן שְׁרֶעק וָואס עֶס כַאפְּט אַ מֶענְטְשׁ אִין זַיין לֶעצְטֶער טָאג וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אִים דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת מִיט דִי טוֹיזְנְט אוֹיגְן. אַזַא שְׁרֶעקְלִיכֶער פַּחַד אַז דִי נְשָׁמָה פְלִיט אִים אַרוֹיס פוּן דֶעם אַלֵיין. אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "אָבֶּער דוּרְךְ מִשְׁנַיוֹת קֶען מֶען גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אִים! נוּ, זָאל אִיךְ נִישְׁט לֶערְנֶען אוּן זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת?!"

מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת לְעִילוּי נִשְׁמַת אַ נִפְטָר, וֶוען אַ אִיד גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, נֶעמְט זִיךְ יֶעדֶער אוּנְטֶער אַ מַסֶכְתָּא מִשְׁנַיוֹת וָואס מֶען וֶועט לֶערְנֶען לְעִילוּי נִשְׁמָתוֹ. מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן אָבֶּער נִישְׁט אַז מֶען קֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת פַאר דִי אֵייגֶענֶע נְשָׁמָה. "מִשְׁנָה" אִיז דִי אוֹתִיוֹת "נְשָׁמָה", אוּן אוֹיבּ קֶען דָאס הֶעלְפְן אוּן דֶערְהֵייבְּן אַ צְוֵוייטְנְ'ס נְשָׁמָה, קֶען עֶס זִיכֶער אוֹיפְהוֹיבְּן אוּן הֵיילִיגְן דִי אֵייגֶענֶע נְשָׁמָה. פַארְוָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ וַוארְטְן בִּיז עֶר וֶועט אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶער וֶועלְט אוּן עֶר וֶועט דַארְפְן הָאבְּן גְרוֹיס רַחֲמִים אַז אֵיינֶער זָאל טַאקֶע לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת פַאר אִים? וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל וַוארְט עֶר נִישְׁט בִּיז דֶעמָאלְט, נָאר עֶר לֶערְנְט אַלֵיינְס מִשְׁנַיוֹת צוּ מַאכְן אַן עִלוּי פַאר זַיין אֵייגֶענֶע נְשָׁמָה, אוּן אַזוֹי דַארְף עֶר נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ יֶענֶעמְ'ס טוֹבוֹת. וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, נָאר עֶר כַאפְּט אַרַיין וִוי מֶער תּוֹרָה, וִוי מֶער מִצְוֹת אוּן גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט, וַוייל נָאר דָאס וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוֹיף שְׁטֶענְדִיג סֵיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סֵיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ד' עֵרֶךְ לְוָיָה וְחֵלֶק ט"ז עֵרֶךְ מֵת מִצְוָה)

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# פַּארְוָואס לַאכְט מֶען פוּן מִיר?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס אִיךְ זֶע אַסַאךְ מָאל וִוי מֶענְטְשְׁן קוּקְן אִין מַיין רִיכְטוּנְג אוּן זֵיי לַאכְן, אִיךְ שְׁפִּיר אַז זֵיי לַאכְן פוּן מִיר. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט צִי זֵיי לַאכְן טַאקֶע דַוְקָא פוּן מִיר אָדֶער נִישְׁט, אָבֶּער דָאס אַלֵיין אַז מַיינֶע מַחְשָׁבוֹת צִיעֶן אַלְץ אוֹיף דֶעם וֶועג אַז מִסְתָּמֶא לַאכְן זֵיי מִיר אוֹיס, דָאס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן נִישְׁט לַאכְן פוּן מִיר, אוּן וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז מֶען לַאכְט פוּן מִיר?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ה' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קֵיינֶער לַאכְט נִישְׁט פוּן דִיר, קֵיינֶער טְרַאכְט נִישְׁט פוּן דִיר; מַאךְ זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ, אוּן אֲפִילוּ דוּ וֶועסְט מִיר אוֹיפְוַוייזְן אַז מֶען לַאכְט יָא פוּן דִיר - דַארְף דִיר דָאס נִישְׁט אָנְגֵיין; וָואס קֶען דִיר אַ צְוֵוייטֶער טוּן?

זָאג תְּהִילִים, דָארְט וֶועסְטוּ זֶען וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ זִינְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל: "אִיךְ הָאבּ פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט מוֹרָא, קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן"; דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן זֶעלְבְּסְטְזִיכֶערְקֵייט, דוּ וֶועסְט בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, עֶס וֶועט דִיר מֶער נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס דֶער זָאגְט אוּן וָואס יֶענֶער זָאגְט.

דָוִד הַמֶּלֶךְ זִינְגְט (תְּהִילִים נו, יב): "בֵּאלֹקִים בָּטַחְתִּי" אִיךְ פַארְלָאז זִיךְ אוֹיפְ'ן בַּאשֶׁעפֶער, "לֹא אִירָא" אִיךְ הָאבּ פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט מוֹרָא, "מַה יַּעֲשֶׂה אָדָם לִי" וָואס קֶען מִיר אַ מֶענְטְשׁ טוּן?

דוּרְךְ זָאגְן תְּהִילִים וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֵייט, אַ זֶעלְבְּסְטְזִיכֶערְקֵייט צוּ לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס וֶועט דִיר נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס מֶען זָאגְט אוֹיף דִיר.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה לֵךְ תשפ"ג)

BreslevCenter.com\answers

<<<<<< נייעס

ווערט נאר גרעסער און שענער פון טאג צו טאג מיט נאך א חדר, נאך א מיידל שולע, נאך א בית המדרש, און נאך חבורות, איבער די גאנצע וועלט.

אין די זעלבע צייט האט זיך אויך געעפענט אין טבריה א בית המדרש היכל הקודש פאר די תלמידים וואס וואוינען אין דעם געגנט, און דער ראש ישיבה האט טאקע געגעבן א שיעור פאר די מתפללים אינעם טאג פונעם רבינ'ס יארצייט חול המועד סוכות, ווי באשריבן פארגאנגענע וואך, ארויסברענגענדיג די שמחה אז מען עפענט אויף א בית המדרש אויפ'ן רבינ'ס נאמען.

דער ראש ישיבה האט זיי געזאגט צוויי וויכטיגע נקודות וואס אויב זיי וועלן דאס טון וועט דער בית המדרש האבן גרויס הצלחה, איינס אז מען זאל שטענדיג נאר רעדן פון רבינ'ס דיבורים, רעדן פון די חיזוק וואס קומט ארויס פונעם רבינ'ס שיחות, די צווייטע תקנה איז, אז יעדער זאל נאר זיין פארנומען מיט יענעמ'ס גשמיות, זען צי ער האט אויף שבת צו מאכן וכדומה, און נישט זיין פארנומען מיט יענעמ'ס רוחניות, ווי למשל ווען יענער קומט אין בית המדרש דאווענען וכדומה, דער בית המדרש איז געשטעלט צו קוקן אויף יענעמ'ס גוטס.

דערנאך האט דער ראש ישיבה אויסגעפירט אז אין היכל הקודש פרובירט דער יצר הרע צו מאכן עפעס א מחלוקת און מיט דעם איז ער מרחק מענטשן פון ברסלב, דארף מען זען שטענדיג צו זיך ליבן האבן איינער דעם צווייטן, נאר זיך מחזק זיין איינער דעם אנדערן.

מוהרא"ש זי"ע פלעגט זאגן אז ווען דער הייליגער רבי איז געווען אין שטאט טברי' איז ער געשטאנען ביים קבר רבי עקיבא און געוויזן אויף יבנאל "דא איז גוט צו וואוינען", דער בית המדרש איז דאך א חלק אין יבנאל, קען מען זאגן אז דער רבי האט געוויזן אויף דעם פלאץ. דער גאנצער שיעור קען מען הערן אויפ'ן טעלעפאן ליין "קול ברסלב".

אין א בריוו ערב שבת קודש פרשת בראשית האט דער ראש ישיבה געשריבן "עס איז דא גוטע נייעס, עס האט זיך געעפנט א תלמוד תורה היכל הקודש אין די שטאט טבריה. ביז דערווייל איז עס קליין, אזוי ווי מיר האבן געעפנט די מוסדות אין וויליאמסבורג מיט געציילטע קינדער, וואס פון דעם איז געווארן א שיינע גרויסע קהילה".

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט פון דעם ווינקל ארויסקומען א לעכטיגקייט פאר די גאנצע אומגעגנט און פאר די גאנצע וועלט.

**זה הקטן גדול יהיה!**

## דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קנד)

תקנא

דֶעמָאלְט, צְוִוישְׁן פֶּסַח אוּן שָׁבוּעוֹת, אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶועןְ אַסַאךְ מָאל בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט אוֹיף דֶעם גָאר שְׁוֶוערֶע מְנִיעוֹת, אוּן דֶער עִיקָר מְנִיעוֹת הָאט עֶר בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַלֵיין, וַוייל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט אוֹיסְגֶעזֶען ווִי עֶר בֵּייזֶערְט זִיךְ אוֹיף דֶעם וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ קוּמֶען צוּ אִים אַזוֹי סַאךְ, אוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעהַאט פוּן דֶעם אַסַאךְ מְנִיעוֹת אוּן יִסוּרִים יֶעדֶעס מָאל וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, זֵיי הָאבְּן מוֹרָא גֶעהַאט אַז דֶער רֶבִּי וֶועט זִיךְ בֵּייזֶערְן פַארְוָואס זֵיי קוּמֶען צוּ אִים אַזוֹי שְׁנֶעל, נָאכְדֶעם וָואס זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען בַּיי אִים נִישְׁט לַאנְג פְרִיעֶר. פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאבְּן זֵיי אַזוֹי גֶעבֶּענְקְט צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זֵיי אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוָואלְט זֶען נָאכְאַמָאל דִי צוּרָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דֶערִיבֶּער הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוֹיף דִי אַלֶע מְנִיעוֹת, אוּן הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

תקנב

נָאנְט צוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת זֶענֶען רֶבִּי נָתָן אוּן רֶבִּי נַפְתָּלִי נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ גֶעדַאכְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז דֶער רֶבִּי אִיז אַבִּיסְל בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים, וַוייל דֶעמָאלְט צְוִוישְׁן פֶּסַח אוּן שָׁבוּעוֹת אִיז עֶר גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן עֶטְלִיכֶע מָאל נָאכְאַנַאנְד. דֶערִיבֶּער, וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אִיז עֶר גְלַייךְ אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעטְרָאפְן דֶעם רֶבִּי'ן אִין זַיין גְרוֹיסְן צִימֶער נֶעבְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אוּן אִים גֶעגֶעבְן שָׁלוֹם. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, "שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם, פָאר גֶעזוּנְט!", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אַבִּיסְל גֶעשְׁמֵייכְלְט אוּן אִיז גֶעבְלִיבְן זִיצְן אוֹיף זַיין פְּלַאץ נֶעבְן דִי טִיר, וָואס אִיז גֶעוֶוען פוּן אִינְדְרוֹיסְן קֶעגְן אִיבֶּער דֶעם אַלְטְן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אוּן דַאן הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּ רֶבִּי נָתָן שֵׁיינֶערְהֵייט, עֶר הָאט אִים גֶעטְרֵייסְט אוּן מְחַזֵּק גֶעוֶוען, עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט, ווִי אַזוֹי קֶענְסְטוּ ווִיסְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל מַאכְן פוּן דִיר? הַיינְט בִּיסְטוּ אַזוֹי, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶועסְטוּ זַיין אַזוֹי", עֶר הָאט אִים מְרַמֵּז גֶעוֶוען אַז עֶר וֶועט דוּרְכְגֵיין גָאר שְׁוֶוערֶע סַכָּנוֹת, אָן אַ שִׁיעוּר, "דוּ וֶועסְט כִּמְעַט דֶערְוַוייטֶערְט וֶוערְן פוּן מִיר, אוּן אִיךְ וֶועל דִיר עֶפֶענֶען דִי וֶועגְן פוּן שֵׂכֶל, דוּ וֶועסְט גֵיין אוּן דוּרְכְשְׁפַּאצִירְן אַלֶע מַיינֶע תּוֹרוֹת, אַזוֹי ווִי אֵיינֶער גֵייט אוּן שְׁפַּאצִירְט אַרוּם אִין ווִינְדֶערְלִיכֶע גֶעוַואלְדִיגֶע פַּאלַאצְן אוּן בִּנְיָנִים". דַאן הָאט דֶער רֶבִּי אַבִּיסְל מֶער עֶרְקְלֶערְט פַאר רֶבִּי נָתָן דֶעם עִנְיָן, עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז זַיינֶע תּוֹרוֹת זֶענֶען אַזוֹי ווִי אֵיינֶער גֵייט אַרַיין אִין אַ פַּאלַאץ, וָואס דָארְט גֶעפוּנֶען זִיךְ הֶערְלִיךְ שֵׁיינֶע שְׁטִיבֶער, זַאלְן, קָארִידָארְן, אוּן צִימֶערְן, עֶס אִיז גָאר הֶערְלִיךְ שֵׁיין אוּן וואוּנְדֶערְלִיךְ גֶעבּוֹיעֶט, מִיט אֵיין שְׁטָאק הֶעכֶערְן צְוֵוייטְן אוֹיף גָאר אַן מֵייסְטֶערְהַאפְטִיגֶע גֶעבּוֹי. אוּן גְלַייךְ וֶוען מֶען קוּמְט אַרַיין אִין אֵיין צִימֶער, אוּן מְ'הוֹיבְּט אָן קוּקְן אוּן זִיךְ פַארְוואוּנְדֶערְן אוֹיף דִי הֶערְלִיכֶע קוּנְסְטְוֶוערְק וָואס גֶעפוּנֶען זִיךְ דָארְט, זֶעט מֶען אָבֶּער אַז עֶס עֶפֶענְט זִיךְ אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע טִיר צוּ נָאךְ אַ צִימֶער, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער פוּן אֵיין שְׁטוּבּ צוּם אַנְדֶערְן, פוּן אֵיין שְׁטָאק צוּם אַנְדֶערְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער, אוּן דִי אַלֶע פְּלֶעצֶער זֶענֶען אָפְן אֵיינְס צוּם אַנְדֶערְן מִיט טִירְן אוּן פֶענְסְטֶער, אַלֶעס אִיז גֶעקְנִיפְּט אוּן גֶעבִּינְדֶען מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגְן סֵדֶר, מִיט גָאר טִיפֶע חָכְמָה, אוֹיפְ'ן שֶׁענְסְטְן אוּן קְלוּגְסְטְן וֶועג וָואס קֶען נָאר זַיין.

[מֶען קֶען דָאס נִישְׁט גֶענוּג מַסְבִּיר זַיין אוּן אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען אוֹיפְ'ן פַּאפִּיר, נָאר פַאר אֵיינֶעם וָואס אִיז שׁוֹין אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אַבִּיסְל צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי טִיפְקֵייט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס תּוֹרוֹת, וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן אַבִּיסְל דִי גֶעוַואלְדִיגֶע זִיסְקֵייט פוּן דִי טִיפֶע תּוֹרוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס הָאט נִישְׁט זַיינְ'ס גְלַייכְן.]

אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן גֶעזָאגְט, "פוּן דֶעסְט וֶועגְן וֶועט עֶס אָבֶּער נִישְׁט זַיין דַיינְ'ס, נָאר אַזוֹי ווִי דוּ שְׁפַּאצִירְסְט בַּיי יֶענֶעם. אִיךְ וִויל זֵיי זָאלְן טַאקֶע זַיין דַיינְ'ס, וֶועט דָאס אוֹיךְ זַיין. דוּ מֵיינְסְט פַאר דַיינֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים? נָאר וַוייל אִיךְ וִויל אַזוֹי".

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה

גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# ראש חודש פארברענג פאר געקליבענע צאל תומכים פון "כולל היכל הקודש"

די פארגאנגענע וואך איז פארגעקומען א שיינע ראש חודש סעודה ביים ראש ישיבה שליט"א אינדערהיים, מיט א געקליבענע צאל געלאדענטע געסט, וואס שטרענגען זיך אן ארויסצוהעלפן מיט גרעסערע סכומים די באקאנטע "כולל היכל הקודש", וואו די אינגעלייט זיצן און לערנען על התורה ועל העבודה.

א רייכע סעודה איז סערווירט געווארן לכבוד ראש חודש, דער ראש ישיבה שליט"א האט נישט געגעבן קיין פארמאלע דרשה, נאר פארברענגט און געשמועסט מיט די פארזאמלטע, גאר געשמאקע שיינע שמועסן פון וואס דער עולם האט גאר שטארק הנאה געהאט.

טייל פון די שמועסן איז רעקארדירט געווארן און מען קען עס הערן אויף "קול ברסלב", מען האט גערעדט פון די מגילת סתרים, די באהאלטענע סודות וואס דער רבי האט געזאגט וואס וועט זיין ביז משיח וועט קומען, אריינגערעכנט וואס עס וועט ווערן פון רוסלאנד. מען האט גערעדט פון די כולל אינגעלייט, וואס מען לערנט יעצט, די מקצועות וואס זיי פארהערן זיך ביי פילע רבנים, איבער כולל געלט, איבער פארשידענע צדקה צוועקן, וועלכע זענען וויכטיגער פון די אנדערע, ווי אזוי ווייסט מען פאר וועמען צו געבן, מען האט געשמועסט פון די היסטאריע פון די קהלה און די מוסדות, וועלכע קינדער נעמט מען יא און וועמען נישט, מיט פארשידענע מעשיות וואס האט זיך אפגעשפילט אין לויף פון די יארן, מיט נאך גאר אסאך אינטערעסאנטע פארשידנארטיגע נושאים.

נאכ'ן בענטשן ברכת המזון האט מען זיך ארויסגעלאזט אין א טענצל, און דער ציבור איז זיך צעגאנגען מיט פרייליכע געפילן, נאך אזא געשמאקע ראש חודש פארברענג מיט'ן ראש ישיבה שליט"א.

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף איז אין פלאן צו מאכן כסדר אזעלכע סארט ראש חודש פארברענגען מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, ספעציעל פאר די חשובע תומכים וואס ברענגען גרעסערע געלטער צו קענען די הוצאות פונעם כולל פאר'ן גאנצן חודש.

די אייגנארטיגקייט פון דעם כולל היכל הקודש איז ברייט באקאנט, דער ראש ישיבה שליט"א נעמט נישט אריין אין כולל סתם אינגעלייט וואס זוכן צו לערנען אביסל אויף יוצא צו זיין, פאר דעם צוועק קען מען גיין ארבעטן און נאך אנקומען צו לערנען גענוג און נאך אינדערפרי און ביינאכט, אין כולל היכל הקודש קומען אריין נאר די אינגעלייט וואס זענען באמת תורתם אומנתם, זיי האבן גארנישט עפעס אנדערש אויסער די הייליגע תורה, און מיט'ן ציל צו לערנען און אנקומען און זיך פארהערן, און אויסוואקסן דיינים און גדולי תורה. און ווי עס זאגן עדות סיי ווער עס גייט נאר אריין אינמיטן טאג אין כולל, איז ממש נישטא צו וועמען צו רעדן, די כולל אינגעלייט זענען איבערגעבויגן איבער די ספרים, עס הערט זיך א געשמאקע קול תורה, און מען זעט נישט און מען הערט נישט קיין שום זאך אויסער לימוד התורה.

**כי הם חיינו ואורך ימינו!**

***

# נייע תלמוד תורה און בית המדרש "היכל הקודש" אין שטאט טבריה

מיט גרויס פרייד האבן אנשי שלומינו אויפגענומען די גאר פרייליכע נייעס אז אויפ'ן פרישן ווינטער זמן תשפ"ג האט זיך געעפנט א פרישע תלמוד תורה היכל הקודש, יעצט איז עס אין גליל ארץ ישראל אין שטאט טבריה. דאס איז א געוואלדיגע שמחה ביי אלע אנשי שלומינו, ווען מען זעט אז די קהילה וואס מוהרא"ש האט אויפגעשטעלט און געארבעט שווער אויף דעם זיין גאנצן לעבן

<<<<<<

## סימן טוב ומזל טוב

החתן **דוד ניישטיין** הי"ו
צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג בת
מו"ה **מאיר דוד פארקאש** הי"ו

***

מו"ה **יואל פעדער** הי"ו
צו די חתונה פון זיין טאכטער עב"ג למזל טוב

***

מו"ה **אהרן יצחק אפעלדארפער** הי"ו
צו די אפשערן פון זיין זון למזל טוב

***

מו"ה **משולם פינטער** הי"ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **יודא ארי' טורנהיים** הי"ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב


## שמחה הײלט

**מיט שמחה ווערט מען אויסגעהיילט פון אלע פראבלעמען און קרענק. וועלכע סארט שמחה? און ווי אזוי קומט מען אן צו דעם?**

# קול ברסלב

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 9, 1, 17**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פראבירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**



הפצת הגליון בבארא פארק נתנדב ע"י מו"ה יואל פעדער הי"ו לרגל שמחת נישואי בתו למזל טוב